# דאָס בלימעלע

שפּילעכלעך פאַרשידענע:
מיט אַ קאַשיקל אַ יידענע,
מיט אַ העמערל אַ שמידערל,
און אַ הענדעלע וואָס קוקט אין סידורל,
אַ פּאַיאַצעלע, אַ בערעלע, אַ ביבערל,
און אַ זעלנערל אַ גבורל,
אויף זײַן בריסטעלע אַ בלעכל —
און צווישן אַלע אין אַ קריגעלע אַ בלימל.
און כאָטש שפּעט שוין, צײַט צו טון אַ דרימל,
פירט דאָס בלימעלע אַ שטיל געשפּרעכל
מיטן זעלנערל, וואָס שטייט דערנעבן.
בלימעלע דערציילט אים פון איר לעבן:
ז'איז אַמאָל אַ זומער־פייגעלע געווען —
שוין געמעגט זי דעמלט זען!
ניט אַ פייגעלע — אַ ציטערל!
ניין, וואָס רעדט זי — גאָר אַ שפּליטערל,
יאָ, אַ שפּליטערל פון רעגנבויגן!
צאַפּלדיק אַרום אַ שטוביק־נאַכטיש זונעלע געפלויגן,
עפּעס זי די זיסע וואַרעמקייט געצויגן —
אָפּגעברענט די פליגעלעך! אַ ברירה?
איז אַרויס אַ גזירה
פון די שטערנדלעך, די בלימעלעך פון הימל:
ווערן זאָל פון פייגעלע אַ בלימל.
נו, אַ בלימל, איז אַ בלימל. צווישן פלאַקסן
זי אין פעלד געוואַקסן,
זיך מיט פליגעלעך און ווינטעלעך געשפּילט,
גאָר ניט שלעכט זיך דאָרט געפילט.
נאָר אַ צרה, נעמט עס צו די שטערנדלעך זי ציען!

איז כאָטש בעט דעם שטורעמווינט, ער זאָל זיך פאַר דיר מיען —
צוגעבונדן צו דער ערד זי מיט אַ שטרויעלע!
חלשט זי און קוויקט זיך מיט אַ טויעלע,
אַ טרייסטעלע: איר דערלייזער, ער וועט קומען נאָך, וועט קומען,
שמעקן וועט ער איר גערוך איר פרומען
און באַפרײַען זי, באַפרײַען...
נו, אינקורצן, יאָ, נאָכוואָס אַ סך דאָ ברײַען —
ר׳איז געקומען! יאָ, געקומען איר דערלייזער,
אָבער אוי און וויי ז׳איר —
בעסער וואָלט זי אין איר בענקשאַפט שוין געבליבן!
האָט באַפרײַעט און קיין פליגל ניט געגיבן!

*

שפעט. סע קלינגט דער זייגער דרײַ.
קלאָגן זיך? פאַר וועמען? ניט כדאַי.
שטיל — סע שלאָפט דאָס זעלנערל פון בלײַ.